**אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 7/8/2021 **גאווערנאר ענדרו מ. קאומאו**

**גאווערנאר קאומאו מעלדט אנהויב פון בוי-ארבעט פון $2.1 מיליאן שטארקקייט פראיעקט אין סעינט לאורענס קאונטי**

***אוועקנעמען נארטומבערלענד סטריט בריק וועט באשיצן ציבור'ישע געזונט און ערמעגליכן פֿארוויילונג שיפֿל פארערס צו אדורכגיין זיכערערהייט***

***טייל פון גאווערנאר קאומאו'ס $300 מיליאן שטארקקייט און עקאנאמישע אנטוויקלונג פלאן (Resiliency and Economic Development Initiative, REDI)***

גאווערנאר ענדרו מ. קאומאו האט היינט געמאלדן אז עס האט זיך אנגעהויבן בוי־ארבעט אויף א $2.1 מיליאן פראיעקט צו אוועקנעמען די נארטומבערלענד סטריט בריק אין די שטאט פֿון מאריסטאון, סעינט לאורענס קאונטי. די בריק איז געשעדיגט געווארן אין א פֿארפֿלייצונג און איז פֿארמאכט זינט 2019. דער פראיעקט, וועלכער וועט אונטערגענומען ווערן דורך סעינט לאורענס קאונטי אלס טייל פֿון דעם גאווערנאר'ס [שטארקקייט און עקאנאמישע אנטוויקלונג פלאן](), וועט פֿארבעסערן זיכערהייט פֿון שיפֿל־פֿארערס וואס פֿארן דורך מאריסטאון בעי אויף די מערב'דיגע זייט פֿון דעם סעינט לאורענט טייך, און פֿארמערן מעגליכקייטן פֿאר פֿארוויילונג און עקאנאמישע אנטוויקלונג אין די ראיאן. עס וועט אויך העלפֿן צו באשיצן די קאמיוניטי'ס סופליי פֿון טרינקוואסער און פֿארמיידן ארויסרינונגען פֿון סואידזש.

"די היסטארישע פֿארפֿלייצונג לענגאויס לעיק אנטאריא און דעם סעינט לאורענס טייך אין 2019 האט איבערגעלאזט נאך זיך צעשטערונג פֿון קריטיש וויכטיגע אינפֿראסטרוקטור," **האט גאווערנאר קאומאו געזאגט.** "דורך REDI האט די קאמיוניטי אידענטיפֿיצירט די ווערדן און מיר ארבעטן האנט אין האנט מיט די ארטיגע גאווערנמענט צו אדורכפֿירן די פראיעקטן פֿון אנהויב ביזן סוף. ניו יארק איז פארפליכטעט צו פארזיכערן די זיכערהייט פון די איינוואוינער. מיר שאצן אפ און שילדערן אויפֿסניי כדי מיר זאלן צוריקבויען בעסער. ווען פֿארפֿלייצונגען וועלן פאסירן אין די צוקונפֿט, וועלן אונזערע ברעג קאמיוניטיס בעסער צוגעגרייט ווערן צום שווערע וועטער."

"די אינֿפראסטרוקטור פראיעקט אין סעינט לאורענס קאונטי וועט העלפֿן צו פֿארזיכערן די זיכערהייט, שטארקקייט און געזונט פֿון די ברייטערע מאריסטאון קאמיוניטי, ווי אויך צו ערלויבן פֿארוויילונג שיפֿל פֿארערס צו אדורכגיין זיכערערהייט," **האט לייטענאנט גאווערנאר קעטהי האכהול געזאגט.** "אוועקנעמען די געשעדיגטע בריק און אריבערפֿירן די הויבט וואסער רער און סעניטערי סואער אין אן אנדערע פלאץ וועט טרייבן די קאמערציעלע און פֿארוויילונגס לעבעדיגקייט פֿון די געגנט און פֿארגרעסערן די זיכערהייט און סאסטעינעביליטי פֿון די ראיאן ארום. ניו יארק סטעיט איז שטאלץ צו אינוועסטירן אין די שטארקקייט פֿון אונזערע נארט קאונטי קאמיוניטיס."

די נארטומבערלענד סטריט בריק איז פֿארמאגט און אונטערגעהאלטן דורך סעינט לאורענס קאונטי. אלס טייל פֿון דעם פראיעקט וועט די קאונטי באזייטיגן די בריק סטרוקטור און אוועקנעמען די אנפֿילונג אינעווייניג די קאזוועי צו פֿארבעסערן זיינע הידראלאגישע פֿארבינדונג. אין צוגאב וועלן סיי דיהויבט וואסער רער סיי די סעניטערי סואער אריבערגעפֿירט ווערן אונטער די בעי.

**ניו יארק סטעיט דעפּארטמענט פון טראנספּארטאציע קאמישאנער מארי טערעסע דאמינגעז האט געזאגט,** "באשיצן ציבור'ישע זיכערהייט, אויפבויען שטארקקייט און שאפן מעגליכקייטן פאר עקאנאמישע וואוקס זיינען די הויבט צילן פֿון גאווערנאר קאומאו'ס ערפֿאלגרייכע REDI פראגראם, און דער פראיעקט וועט ערלעדיגן אלע דריי צילן. אוועקנעמען די בריק וועט פֿארבעסערן זיכערהייט פֿאר שיפֿל פֿארערס און העלפֿן אפהיטן וואסער קוואליטעט, וואס וועט טרייבן די וואוקס און לעבעדיגקייט פֿון די ארטיגע קאמיוניטי פֿאר פֿילע יארן אין די צוקונפֿט."

**DASNY פרעזידענט און CEO רובען ר. מעקדעניעל III האט געזאגט,** "גאווערנאר קאומאו'ס REDI פראגראם שטעלט צו קריטיש וויכטיגע מיטלען צו דערלאנגען נויטיגע סערוויסעס צו נאכקומען די אוניקאלע אינפֿראסטרוקטור געברויכן פֿון אונזערע ברעג קאמיוניטיעס, און צו באשיצן די געזונט און זיכערהייט פֿון ניו יארקער. DASNY איז שטאלץ צו שטיצן גאווערנאר קאומאו'ס ארבעט צו אונטערהאלטן און פֿארשטארקן קאמיוניטיס איבער גאנצע ניו יארק."

**ניו יארק סטעיט דעפּארטמענט פון ענווייראנמענטאל קאנסערוואציע ( NYS Department of Environmental Conservation) קאמישאנער און REDI קאמישאן קא-טשעיר באסיל סעגאוס האט געזאגט,** "ניו יארק'ס שטארקקייט און עקאנאמישע אנטוויקלונג פלאן ארבעט צוזאמען מיט קאמיוניטיס וואס זענען אויסגעשטעלט צו פֿארפֿלייצונגען, אזוויי די שטאט פֿון מאריסטאון און סעינט לאורענס קאונטי, צו טרייבן קריטיש וויכטיגע פראיעקטן וואס וועלן פֿארגרעסערן שטארקקייט, באשיצן ציבור'ישע געזונט און זיכערהייט און אונטערשפארן ארטיגע עקאנאמיע. אוועקנעמען די געשעדיגטע און פאטענציעל געפֿערליכע נארטומבערלענד סטריט בריק און שטיצן אנדערע וויכטיגע אויסבעסערונגען וועט באשיצן די קאמיוניטי אויפ'ן ברעג פֿון דעם סעינט לאורענס טייך און די קריטיש וויכטיגע אינפֿראסטרוקטור וואס די ארטיגע איינוואוינער זענען אנגעוויזן דעראין, און אין די זעלבע צייט וועט צושטעלן א זיכערע דורכגאנג פֿאר פֿארוויילונג שיפֿל פֿארערס און פֿארבעסערן לעבן קוואליטעט."

**סעינט לאורענס קאונטי לעגיסלאטיווער פארזיצער ביל שערידען האט געזאגט,** "די REDI פלענער לענגאויס די צפֿונ'דיגע גרעניץ פֿון ניו יארק סטעיט וועט העלפֿן מוניציפאליטעטן ווי די שטאט פֿון מאריסטאון צו פֿארבעסערן זייער צוגרייטונג צו צוקונפֿטיגע שווערע וועטער פאסירונגען אויפֿן ברעג. די קאונטי איז דאנקבאר פֿאר די באמיאונגען פֿון גאווערנאר ענדרו קאומאו און ניו יארק סטעיט צו אדורכפירן די פראיעקטן. די ליפֿערונג פֿון דעם פראיעקט איז געווען א בשותפֿות'דיגע באמיאונג צווישן פֿילצאליגע סטעיקהאלדערס. איך וויל באדאנקען: די שטאט פֿון מאריסטאון, יונייטעד סטעיטס ארמי קאר פֿון אינזשענירן (USACE), אינזשענירן אויפֿן פראיעקט Barton & Loguidice, DPC, די סטעיט פֿון ניו יארק און זיינע אנטיילנעמענדע אגענטורן."

**שטאט פון מאריסטאון סופערווייזער פרענק פוטנעם האט געזאגט,** "מאריסטאון איז דאנקבאר גאווערנאר קאומאו פֿאר'ן איינפֿירן די REDI פראגראם. דורך דעם פלאן וועט מען אונטערנעמען די וויכטיגע ארבעט פֿון אוועקנעמען די נארטומבערלענד סטריט בריק, וואס וועט בענעפֿיטן נישט נאר סעינט לאורענס קאונטי אלס דער אייגנטומער פֿון די בריק, נאר אויך די איינוואוינער פֿון די שטאט. שטארקע פארטנערשאפֿטן צווישן סטעיט און ארטיגע גאווערנמענטס זענען קריטיש וויכטיג צו פֿארזיכערן ציבור'ישע זיכערהייט און צו שטיצן עקאנאמישע אנטוויקלונג."

אין רעאקציע צו די פארלענגערטע סעריע פון פארפלייצונגען לענגאויס די ברעגן פון Lake Ontario און די St. Lawrence ריווער, האט גאווערנאר **קאומאו** געמאכט REDI צו פארשטארקן די ברעג קאמיוניטיס און שטיצן עקאנאמישע אנטוויקלונג אין די ראיאן. פינף REDI ראיאנישע פלאנען קאמיטיס, צאמגעשטעלט פון פארשטייערס פון אכט קאונטיס זענען אוועקגעשטעלט געווארן צו געפונען נייע פריאריטעטן, אויף-ריזיקע

געביידעס און אנדערע ווערדן, און פובליק זיכערהייט זארגן. די קאונטיס זענען: Niagara און Orleans, Monroe, Wayne, Cayuga און Oswego, און Jefferson און דער REDI קאמישאן האט אוועקגעלייגט $20 מיליאן פאר היים-אייגנטומער הילף, $30 מיליאן צו פארבעסערן די שטארקקייט פון ביזנעסער, און $15 מיליאן פאר א ראיאנישע גראבן פראווו וואס וועט בענעפיט'ן יעדע פון די אכט קאונטיס אין די REDI ראיאנען. די פארבליבענע $235 מיליאן איז אוועקגעלייגט געווארן פאר ארטיגע און ראיאנישע פראיעקטן וואס טרייבן און צייכענען אויס די REDI מיסיע.

אונטער גאווערנאר קאומאו'ס פירערשאפט, האט דער REDI קאמישען באזוכט געגנטער שווער געשעדיגט דורך פארפלייצונג אויף Lake Ontario און געארבעט מיט ארטיגע קאמיוניטיס צו אויפקומען מיט א נייע פלאן פאר די ברעג סיי פון א שטארקקייט און אן עקאנאמישע אנטוויקלונג שטאנדפונקט כדי צו צוריקבויען בעסער און שטערקער פאר'ן צוקונפט.

זייט די ערפינדונג פון דער גאווערנאר'ס REDI פראגראם אין די פרילינג פון 2019, זענען 133 REDI געשטיצטע ארטיגע און ראיאנישע פראיעקטן אונטערוועגנס, אריינגערעכנט 95 פראיעקטן אין די דעזיין פאזע, 19 פראיעקטן אין די בויען פאזע, און 19 פראיעקטן געענדיגט.

פאר נאך אינפארמאציע, פראיעקט פראפיילס און REDI נייעס, דרוקט [דא](#).

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418

זיך ארויסשרייבן